16 איר אַליין; אַז אַפילו אין טעסאַלאָניקאַ האָט איר
מיר געשיקט איינמאָל און אַ צווייטמאָל פאַר
17 מיינע באַדערפענישן. נישט אַז איך בין אויסן די
מתנה; נאָר איך זוך די פרוכט, וואָס זאָל זיך
18 פאַרמערן צו אייער חשבון. איצט האָב איך פון
אַלעם און (אַפילו נאָך) אַ שפע; איך בין אָנגעפילט,
האָבנדיק באַקומען פון עפּאַפראָדיטוסן דאָס, וואָס
איר האָט געשיקט, אַ געשמאַקן ריח, אַ קרבן, וואָס
19 איז אָנגענעם און וואוילגעפעלן צו ג־ט. און מיין
ג־ט וועט אָנפילן אַלע אייערע נויטן לויט זיין
20 עשירות אין כבוד אינם משיח ישוע. און צו
ג־ט אונזער פאָטער זאָל זיין דער כבוד לעלמי
עולמים. אמן!
גיט אָפּ שלום אַלע הייליקע אינם משיח ישוע.
21 די ברידער, וואָס זענען מיט מיר גענבן אייך
22 אָפּ שלום. אַלע הייליקע געבן אייך אָפּ שלום, נאָר
גאַנץ באַזונדערס די פון קיסרס הויז.
23 זאָל דער חסד פון דעם האַר ישוע המשיח זיין
מיט אייער גייסט. אמן!